**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שטעלט אוועק אפיס פאר דעם טשיעף דיסאַביליטי אפיציר**

***באשטימט קימבערלי טי. היל אלס דער סטעיט׳ס ערשטע טשיעף דיסאַביליטי אפיציר***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס גרונדן דעם אפיס פון דעם טשיעף דיסאַביליטי אפיציר צו אדוואקירן לטובת מענטשן מיט דיסאביליטיס און באשטימט קימבערלי טי. היל אלס דער סטעיט׳ס ערשטע הויפט טשיעף דיסאביליטי אפיציר.

״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו באשיצן די רעכטן פון אלע ניו יארקער צו וואוינען און ארבעטן אין אונזער סטעיט פריי פון מורא פאר דיסקרימינאציע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״עס איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן פריאריטיזירן די באשיצונג פון אונזער מערסטע אומבאשיצטע קאמיוניטיס, און דער נייער אפיס פון דעם טשיעף דיסאביליטי אפיציר וועט פארזיכערן אז מיר בלייבן פאראנטווארטליך אויף אוועקצושטעלן א מער פארשידנמיניגע, אריינגנעמיגע און יושר׳דיגע ניו יארק.״

אין 1983 האט דער סטעיט אפיס פאר דער אדוואקאט פאר די דיסעיבעלד איז געגרונדעט געווארן דורך עקזעקיוטיוו באפעל 26. די הויפט אויפגאבע פון דעם אפיס איז געווען צו אדוואקירן לטובת מענטשן מיט דיסאַביליטיס און איינפירן געזעצן וועלכע האלטן אפ דיסקרימינאציע קעגן דער קאמיוניטי.

פונדעסטוועגן איז די פונקציע און פאראנטווארטליכקייטן פון דעם אפיס אין מערסטן טייל איינגעגלידערט געווארן אין אן אנדערן קערפערשאפט ווען דער קאמיסיע אויף אויפפאסונג קוואליטעט און אדוואקאטיר ארבעט פאר מענטשן מיט אומפעאיגקייטן (CQC) איז געגרונדעט געווארן אין 2011. דער CQC איז זיך דאן פונאנדערגעגאנגען ווען דער יוסטיץ צענטער פאר אפהיטן מענטשן מיט ספעציעלע באדערפענישן (דער יוסטיץ צענטער) איז געשאפן געווארן.

טראצדעם וואס עס זענען געמאכט געווארן פילע פארשריטן אין די סערוויסעס פאראן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס, איז דאך קריטיש-וויכטיג צו שטעלן פאר וויכטיג די געברויכן פון דער גאנצער דיסאביליטי קאמיוניטי, וועלכס רעכנט אריין מענטשן מיט פיזישע סענסאָרי, באוועגיקייט, אינטעלעקטועלע, אנטוויקלונג און פסיכיאטארישע דיסאביליטיס, מיט א טשיעף דיסאביליטי אפיציר וועלכע וועט פירן א גוט-אויסגעשטאטע אפיס.

**אפיס פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענט דיסאביליטיס אמטירנדע קאמיסיאנערין קערי נייפעלד האט געזאגט,** ״ביי OPWDD אפלאדירן מיר גאווערנער קעטי האוקול פאר ווייטער ווייזן פאר מענטשן מיט אומפעאיגקייטן לענגאויס ניו יארק סטעיט אז זיי האבן א שטארקע און געשטיצטע קול אין איר אדמיניסטראציע. די באשטימונג פון טשיעף דיסאביליטי אפיציר וועט נישט נאר געבן א טרייב כוח אויף אויפצוהאלטן די רעכטן פון אלע ניו יארקער מיט א דיסאביליטי, נאר דער נייער פאזיציע וועט אויך העלפן פארזיכערן אז מענטשן קענען לעבן ווי זעלבסטשטענדיג מעגליך אינערהאלב זייער אויסדערוועהלטע

קאמיוניטי און פולשטענדיג געשטיצט צו דערגרייכן זייער באזונדערע צילן, און העלפן אראפברעכן די צוימען און פארזיכערן אז מענטשן האבן צוטריט צו די שטיצע אין וואס זיי נויטיגן זיך.״

**אפיס פון מענטאל-העלט קאמיסיאנערין דר. ען סוליוואן האט געזאגט,** ״די באשטימונג פון א טשיף דיסאביליטי אפיציר פאר ניו יארק סטעיט איז א געוואונשענע טריט אויף נאכצוקומען דעם העכסט-נייטיגן ציל פון פארזיכערן יושר׳דיגקייט, אריינגנעמיגקייט און צוטריטריכקייט פאר ניו יארקער מיט ספעציעלע באדערפענישן. דאס איז א געלעגנהייט פאר ניו יארק סטעיט צו העכערן באוואוסטזיניגקייט איבער דיסאַביליטיס און ענדערן די באגריפן. די גאווערנער האט געמאכט א גאר גוטע אויסוואל פאר׳ן סטעיט׳ס ערשטן טשיף דיסאביליטי אפיציר. קיינער איז נישט מער קוואליפיצירט פאר דעם פאסטן ווי קימבערלי טי. היל, מיט איר ברייטע הינטערגרונד אין אדוואקירן פאר מענטשן מיט אומפעאיגקייטן.״

**אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנערין שיעלע דזשעי. פול האט געזאגט,** ״OCFS פריידט זיך שטארק מיט דער באשטימונג פון א טשיף דיסאביליטי אפיציר פאר אונזער סטעיט. פארזיכערן קעגן דיסקרימינאציע פון און אדוואקירן פאר די געברויכן פון מענטשן מיט דיסאביליטיס וועט שאפן א באפולמעכטיגנדע יושר'דיגקייט און אריינגנעמיגקייט קולטור לענגאויס דעם סטעיט. און דער דיסאביליטי קאמיוניטי׳ס געברויכן וועלן אריינגענומען ווערן אין פאליסיס, וואס איז העכסט-נויטיג. OCFS פריידט זיך איבערהויפט זינט דער ניו יארק סטעיט קאמיסיע פאר די בלינדע פאלט אונטער אונזער אחריות.״

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיע פאר די בלינדע אסאסיעט קאמיסיאנערין דזשולי האווי האט געזאגט**, ״עס פריידט אונז זייער צו שטיצן דעם אפיס פון דעם טשיף דיסאביליטי אפיציר. דאס איז באגייסטערנד און א נויטיגע שטיצע-מיטל צו העלפן מענטשן מיט דיסאביליטיס זיך אויסצוצייכענען פערזענליך און פראפעסיאנעל אין ניו יארק סטעיט. מענטשן מיט דיסאביליטיס זאלן האבן פולשטענדיגע צוטריט צו אלצדינג וואס ניו יארק סטעיט האט אנצובאטן, און אינאיינעם קענען מיר שאפן נייע געלעגנהייטן ווי אויך גרעסערע פארשטאנד אויף די וויכטיגקייט פון ריכטיגע צוטריטליכקייט. די קאמיסיע באדאנקט זיך פאר גאווערנער האוקול פאר איר שטארקע אנטשלאסנקייט צו העלפן בלינד און שוואך-זעענדע ניו יארקער.״

**ניו יארק סטעיט טשיף דיווערסיטי אפיציר דזשוליסע גוטיערעז האט געזאגט,** ״עס איז א כבוד צו באגריסן קימבערלי טי. היל צו פירן דעם סטעיט׳ס נייע אפיס פון דעם טשיף דיסאביליטי אפיציר. די מעלדונג צייגט אויף גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו פאראויס-פירן דיווערסיטעט, יושר'דיגקייט און אריינגנעמיגקייט לענגאויס דעם סטעיט. פארטרעטערשאפט מאכט אויס און די מעלדונג צייגט אויך די וויכטיגקייט פון שטעלן אין צענטער אזעלכע פירער מיט לעבעדיגע ערפארונגען. איך קוק ארויס אויף צו ארבעטן מיט קים, וועלכע איז א מומחה אין דעם פעלד און אן אומערמידליכער אדוואקאט פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.״

קימבערלי טי. היל איז באשטימט געווארן אלס דער סטעיט׳ס ערשטע טשיף דיסאַביליטי אפיציר. מס. היל איז צום לעצט געדינט אלס דער הויפט אנאליסט פאר דער ניו יארק סטעיט אסעמבלי שטייענדע קאמיטע אויף מענטשן מיט דיסאביליטיס. זי האט פריער סערווירט אלס דירעקטארין פון דעם אסעמבלי טעאסק-פאָרס אויף מענטשן מיט דיסאביליטיס, וועלכס האט פאקוסירט אויף נושאים מיט א שייכות הויפטזעכליך צו מענטשן מיט פיזישע און חושים׳דיגע דיסאביליטיס. אין יענע ראלע האט מס. היל געארבעט מיט דיסאביליטי אדוואקאטן, אסעמבלי פארזיצער און שטאב אויף עטליכע הויפט-וויכטיגע נושאים וועלכע האבן געפירט צו דאס דורכפירן געזעצן ווי דער מערסט אינטעגרירטע איינריכטונג קאארדינירונג קאונסיל (MISCC), דער נורסינג איינריכטונג טראנזיציע און אפווענדונג וויתור, ניו יארק סטעיט׳ס מעדיקעיד ביי-אין פראגראם, און דאס איינשטעלן אין געזעץ טיטלען צוויי און דריי פון די אמעריקאנע מיט אומפעאיגקייטן אקט (ADA) אלס סטעיט געזעץ.

מס. היל האט אויך קאארדינירט 24 לעגיסלאטיווע דיסאביליטיס באוואוסטזיניגקייט טעג פאר דער אסעמבלי אין וועלכע הונדערטע מענטשן האבן זיך פארזאמלט יערליך צו אינפארמירן לעגיסלאטארן, שטאב און אנדערע איבער דיסאביליטי ענינים און אנערקענען די אויפטוען פון מענטשן מיט דיסאביליטיס און אדוואקאטן צוגלייך. מס היל איז באשטימט געווען אלס פובליק מיטגליד פון דעם MISCC זינט עס איז געשאפן געווארן אין 2002. מס. היל האט אנגעהויבן איר קאריערע אין סטעיט סערוויס אלס א שרייבערין פאר דער אסעמבלי׳ס קאמוניקאציע און אינפארמאציע סערוויסעס דעפארטמענט. זי האלט א בעטשעלאר׳ס דעגרי פון וויסנשאפט פון יוטיקע קאלעדזש פון סירעקיוס אוניווערסיטעט און וואוינט אין לאטהאם, ניו יארק.

אונטער קים׳ס פירערשאפט וועט דער אפיס פון טשיעף דיסאביליטי אפיציר גרונדן ניו יארק אלס א מוסטער פאר ארייננעמיגקייט, אינטעגראציע, און צוטריטריכקייט דורך פארזיכערן אז אלע סטעיט פאליסיס, פראגראמען, און אקטיוויטעטן טוען ווירקליך נאכקומען די געברויכן פון אלע מענטשן מיט דיסאביליטיס. קים וועט ארבעטן אינאיינעם מיט דער סטעיט׳ס טשיעף דיווערסיטי אפיציר אין דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער צו ווייטער פארשטערקערן אן אויספירליכן צוגאנג צו דיווערסיטעט, יושר'דיגקייט און ארייננעמיגקייט ארבעט לענגאויס דעם סטעיט. קים וועט אויך קאארדינירן דער סטעיט׳ס איינפירונג פון דעם אמעריקאנע מיט אומפעאיגקייטן אקט און דינען אלס פארזיצערין פון דער מערסט אינטעגרירטע איינריכטונגען קאארדינירונג קאונסיל.

**ניו יארק סטעיט׳ס טשיעף דיסאביליטי אפיציר קימבערלי טי. היל האט געזאגט,** ״עס איז דער גרעסטער כבוד פון מיין לעבן צו דינען אלס ניו יארק סטעיט׳ס ערשטע טשיעף דיסאביליטי אפיציר. איך קוק ארויס מיט חשק צו פירן א גוט-אויסגעשטאטע אפיס פון דעם טשיעף דיסאביליטי אפיציר צו ברענגען די קולות און געברויכן פון אלע מענטשן מיט דיסאביליטיס צום פארנט און ארבעטן אויף א מער אינטעגרירטע, ארייננעמיגע און צוטריטליכע ניו יארק. א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר דער אויסערגעווענטליכע געלעגנהייט.״

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקאופיס האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד זיך צו פאראייניגן מיט גאווערנער האוקול אין אפצייכענען דעם וויכטיגן גרייכפונקט פאר דער דיסאביליטי קאמיוניטי. אויף צו לאנג האט געפעלט פאר מיליאנען ניו יארקער די אגענטור-שטאפל שטיצע וואס עס קומט זיך זיי דרינגענד. דאס שאפן דעם אדוואקאטיר אפיס באדייט אז די וועלכע וואוינען מיט אומפעאיגקייטן וועלן ענדליך האבן א זיץ ביים טיש און וועלן קענען פארעמען די פאליסיס און פראגראמען וועלכע אפעקטירן זייערע לעבנס יעדן טאג.״

**סטעיט סענאטאר דזשאן דאָבּליו. מעניאן האט געזאגט,** ״דורך שאפן א נייע אפיס פאר׳ן טשיעף דיסאַביליטיס אפיציר, בויט גאווערנער קעטי האוקול אויף איר רעקארד פון אדרעסירן די דרינגענדע נושאים וועלכע ניו יארקער מיט דיסאַביליטיס האבן אויסצושטיין. איך בין שטאלץ צו מיט-ספאנסירן לעגיסלאציע צו געבן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס א קול ביי די העכסטע פענצטער פון סטעיט רעגירונגשאפט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האוקול פאר איר אנגייענדע צוזאמארבעט אויף אדרעסירן נושאים וועלכע אפעקטירן די דיסאַביליטיס קאמיוניטי און צו מאאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס, סענאטאר דזשעימס סקאופיס און אסעמבלי-מיטגליד סטעק פאר זייער פירערשאפט.״

**אסעמבלי-מיטגליד פיל סטעק האט געזאגט,** ״איך לויב גאווערנער האוקול פאר׳ן זען די ווערד אין די לעגיסלאציע און עס ארייננשרייבן אין געזעץ. עס איז פאר מיר נישט צום גלויבן אז 3 מיליאן ניו יארקער וואוינען מיט א דיסאביליטי און עס איז ביז היינט נישט געווען קיין פאליסי אדוואקאט וועלכע פארטרעט זייערע געברויכן אין סטעיט רעגירונג. דאס איז א ריזיגער טריט פאראויס פאר מענטשן וועלכע וואוינען

מיט דיסאַביליטיס אין ניו יארק סטעיט. די קאמיוניטי וועט געניסן מיט׳ן האבן קים היל אין דעם פירערשאפט פאסטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד טאָם אבינאנטי האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר די גאווערנער׳ס געשווינדע שריט אין אנפילן דעם פאסטן און באשטימען קימבערלי היל אלס טשיעף דיסאביליטי אפיציר. גאווערנער האוקול פארשטייט די נויט פאר א געאייגנטע אדוואקאט פאר דער דיסאביליטי קאמיוניטי וועלכע איז באקאנט מיט די באזונדערע ארויספאדערונגען וואס עס שטייען אויס ניו יארקער מיט דיסאביליטיס און וואס דער רעגירונג קען טון צו העלפן.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דעם זעלבסטשטענדיגן וואוינונג צענטער פון דער הודסאן וואלי דעניס פיגערואא האט געזאגט,** ״די דיסאביליטי קאמיוניטי האט געווארט שוין לאנגען יארן פאר אן אדוואקאט אין סטעיט רעגירונג. מיר ווילן דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר פירערשאפט אין שאפן דעם אפיס און נאך וויכטיגער פאר אנערקענען די נויט פאר קאארדינירטע פאליסיס פארבינדן מיט דיסאביליטי. מיר האבן חשק צו ארבעטן אינאיינעם צו שטעלן א מוסטער פאר אנדערע סטעיטס נאכצופאלגן.״

**CEO פאר דער צענטער פאר דיסאביליטי רעכטן ברוס דארלינג האט געזאגט,** ״אין נאמען פון די 7,000 מיטגלידער פון דער צענטער פאר דיסאביליטי רעכטן וועלכע וואוינען אין יעדן ווינקל פון דעם סטעיט, וויל איך אפלאדירן גאווערנער האוקול פאר אונטערשרייבן דער קריטיש-וויכטיגער שטיקל לעגיסלאציע וועלכס וועט פארזיכערן אז טויבע און דיסעיבעלד ניו יארקער זענען עפעקטיוו פארטרעטן אין סטעיט רעגירונג און ווערן צוגעטיילט צוטריטריכקייט אין סטעיט סערוויסעס.״

**CEO פון דער ניו יארק אסאסיעשען פאר פסיכיאטאריש רעהאביליטירונג סערוויסעס הארווי ראזענטאל האט געזאגט,** ״א גרויסער דאנק קומט זיך צו גאווערנער האוקול פאר א היסטארישע מאמענט וואס שיקט א מעסעדזש פון האפענונג, אנטשלאסנקייט און שטיצע צו איבער 3 מיליאן ניו יארקער מיט דיסאַביליטיס. ענדליך וועלן מיר האבן א שטאב מיטגליד און אפיס געווידמעט צו באשיצן און שטיצן די רעכטן און געברויכן פון אונזער ברייטערער קאמיוניטי און א גאווערנער וועלכע איז אנטשלאסן צו דער אנטוויקלונג פון א פלאן וואס וועט שטעלן צילפונקטן צו העכערן האָוזינג, באשעפטיגונג און טראנספארטאציע אנבאטונגען לענגאויס דעם סטעיט.״

**דירעקטארין פון אדוואקאטיר ארבעט ביי דעם ניו יארק אסאסיעשען פאר זעלבסטשטענדיגע וואוינונג מעגהען פארקער האט געזאגט,** ״מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר פירערשאפט אין שאפן אן אפיס פאר דעם טשיעף דיסאביליטי אפיציר. דורך גרונדן דעם אפיס, האט שוין גאווערנער האוקול זיך שוין אויסגעצייכנט אלס אפרופנד צו די געברויכן פון דער דיסאביליטי קאמיוניטי. מיר קוקן ארויס מיט חשק צו ארבעטן מיט דער האוקול אדמיניסטראציע און דעם אפיס פון היינט און ווייטער אויף צו לייזן ערנסטע פראבלעמען וועלכע מענטשן מיט דיסאביליטיס שטייען אויס לענגאויס דעם סטעיט.״

**פארזיצערין פון דער סטעיט קאמיטע אויף בלינדע ווענדארס קערען בלאכאוויץ האט געזאגט,** ״אין נאמען פון דער ניו יארק סטעיט קאמיטע פון בלינדע ווענדארס ווילן מיר דאנקען די גאווערנער פאר דאס שאפן דעם אפיס פון טשיעף דיסאביליטי אפיציר. ווי דערמאנט אין די גאווערנער׳ס סטעיט אָוו דע סטעיט, שטעלט צו דער ביזנעס ענטערפרייז פראגראם באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער וועלכע זענען בלינד לויט׳ן באדייט פון געזעץ. מיר אפלאדירן אירע שריטן אויף צו אנערקענען די שווערע ארבעט פון בלינדע ענטערפענורס אין אונזער סטעיט און מיר דאנקען איר פאר אנערקענען די וויכטיגקייט וואס ווערט געגעבן פאר בלינדע ווענדארס אונטער דער ניו יארק סטעיט רענדאלף שעפערד אקט. די ניו יארק סטעיט קאמיטע פון בלינדע ווענדארס קוקט ארויס מיט חשק צו ארבעטן מיט דעם טשיעף דיסאביליטי אפיציר אויף אידענטיפיצירן וועגן צו פארשטערקערן און פארברייטערן דעם ביזנעס ענטערפרייז פראגראם.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418